132 100

# א. פּושקין

## א מעשה וועגן א פישער און א פישעלע

אידיש: נחום י.

LIBRERIA "EL PROGRESO"
G. KAPLANSKY
BERMEJO 467 - B. A.

געצייכענט פון א. אבראמאוויטש.

Copyright 
by
...ewist Book Agency

Club Infantil Racionalista ISRAELITA Bs. AIRES
אידישער ראציאנאליס- טישער קינדער-קלוב
1.

עס האָט אַן אַלטער מאַן צוזאַמען מיט זיין פרוי
געלעבט ביים ברעג פון בלויעם ים.
זיי האָבען אין אַן אַלטען שטיבעלע געוואוינט
פונקט דריי און דרייסיג יאָהר.
דער אַלטער מיט אַ נעץ פלעגט כאַפּען פיש אין ים,
די אַלטע שפּינען פלעגט איהר ליין.
אַמאָל האָט ער זיין נעץ אין ים פאַרוואָרפען —
איז צוריק די נעץ מיט קויט געקומען.
האָט ער אַ צווייטען מאָל זיין נעץ פאַרוואָרפען —
איז צוריק די נעץ מיט ים-גראָזען געקומען.
צום דריטען מאָל האָט ער זיין נעץ פאַרוואָרפען, —
איז מיט אַ פישעלע צוריק די נעץ געקומען,
און ניט מיט אַ געוועהנליך פישעלע —
נאָר מיט אַ פישעלע אַ גאָלדענע.

האָט אָנגעהויבען זיך דאָס פישעלע
דאָס גאָלדענע צו בעטען
און ריידען מיט א שטים א מענשליכער:
— „דו לאָז מיך, אלטער, אָפּ צוריק אין ים אריין,
איך וועל זיך טייער אויסקויפען פון דיר.
איך וועל זיך אויסקויפען מיט וואָס דו וועסט נאר
וועלען".
פארוואונדערט האָט זיך דאָ דער אלטער און
דערשראָקען.
ער איז א פישער שוין צייט דריי און דרייסיג יאָהר,—
און קיינמאָל ניט געהערט נאָך אז א פיש זאָל ריידען.
ארויסגעלאָזען האָט ער באַלד דעם פישעלע
דעם גאָלדענעם צוריק אין ים אריין,
און נאָך מיט א גוט-וואָרט דעם פישעלע באגלייט:
— „געה פישעלע, געה גאָלדענע געזונדערהייט...
איך וועל פון דיר קיין זאך ניט נעמען,
דו געה צוריק אין ים אין בלויעם,
און שפּיעל זיך דאָרטען פריי אין זיינע תהום'ען".




„דו לאז מיך, אלטער, אפ צוריק אין ים אריין"...



2.

דער אלטער איז אהיים אוועקגעגאנגען
און האָט דערציילט זיין ווייב דעם גרויסען
וואונדער:

— „כ'האָב היינט א פישעלע געכאפּט,
און ניט קיין פּראָסטע, נאָר אַ גאָלדענע. —
אויף אונזער לשון האָט דאָס פישעלע גערעדט,
און זיך צוריק אהיים אין בלויעם ים געבעטען. —
און מיט א פּרייז א טייערען זיך אויסגעקויפט ביי
מיר.
זיך אויסגעקויפט ביי מיר מיט וואָס איך וואלט
נאָר וועלען,
נאָר איך האָב ניט געוואָגט קיין זאך צו נעמען, —
און האָב צוריק אין בלויעם ים איהם אפּגעלאָזען.“

די אַלטע האָט אויף איהם דאָ אנגעהויבען שרייען:
— „אָה, נאַר דו איינער, גרויסער נאַר!
דו האָסט קיין זאַך ביים פישעל ניט גענומען,
וואָלסט כאָטש א קאָרעטע א נייע פון איהם נעמען,
דען אונזער קאָרעטע האָט זיך שוין דאַך
צושפּאָלטען!"
דער אַלטער איז אוועק צום בלויעם ים.
ער זעהט — דער ים האָט זיך צושפּיעלט אביסעל;
ער האָט דאָס פישעלע גענומען רופען, —
דאָס פישעלע איז צוגעשוואומען און געפרעגט:
— „וואס דארפסט דו, אלטער מאַן?"
פארנויגענדיג זיך האָט ער אָפּגעענטפערט:
— „דו האָב רחמנות, ליעבעס פישעלע,
מיין אלטע האָט אויף מיר זיך שטארק צעשריען
און מיך, דעם אלטען, לאָזט זי גאָר ניט רוהען:
זי וויל א קאָרעטע א נייע,
דען אונזערע האָט זיך שוין גאר צושפּאָלטען."
האָט אפּגעענטפערט איהם דאָס פישעלע:

— „ניט זיי פאַרטרויערט, גנעה געזונטע־הייט,
איהר וועט א קאָרעטע א נייע האָבען.“



3.

אוועק איז באלד דער אלטער צו זיין פרוי
ערשט דאָרט איז שוין א קאָרעטע א נייע.
די אלטע האָט איהם נאָך מעהר אנגעהויבען זידלען:
— „אה, נאַר דו איינער, גרויסער נאַר!
האָסט אויסגעבעטען, נאַר, פאַר זיך א קאָרעטע
און וויפיעל ברענגט א קאָרעטע דיר נוצען?
דו קעהר זיך אום צום פישעלע צוריק,
פארנייג זיך נידעריג און בעט א הויז פאר זיך!“
אוועק איז באלד צום בלויען ים דער אלטער, —
נאַר פינסטער איז געוועזען דער בלויער ים.
ער האָט דאָס פישעלע גענומען רופען, —
דאָס פישעלע איז צוגעשוואומען און געפרעגט:
— „וואָס דארפסט דו אלטער מאַן?“
פארנייגענדיג זיך האָט ער אָפגעענטפערט:



„אַ, נאר דו איינער; תמ׳אוואטער!“

אידיש ראציאנאליסטיש
ASOCIACION RACIONALISTA ISRAELITA
BUENOS AIRES

— „דו האָב רחמנות, ליעבעם פישעלע,
די אַלטע זידעלט זיך נאָך מעהר
און מיך, דעם אַלטען, לאָזט זי ניט צו רוה!
זי בעט א הויז, מיין ווייב, די אומצופרידענע.“
האָט איהם דאס פישעלע געענטפערט:
— „זאָל זיין אזוי. איהר וועט א הויז באקומען.“
איז באלד אוועק אהיים דער אלטער צו זיין שטיבעל,
ער זעהט — עס איז קיין שפור פון הייזעל ניט
פארבליבען:
א הויז א נייעס שטעהט דאָרט, מיט אן אויבער
שטיבעל,
און מיט א ציגעלנעם געוויסטען קוימען,
מיט טויערען פון דעמבען-ברעטער,
און זי, זיין ווייב, שטעהט אונטער פענסטער
און זידעלט אויפ'ן קול דעם מאַן:
— „אַה, נאר דו איינער, תמ'אָוואַטער!
א הויז האָסט דו זיך, שוטה, אויסגעבעטען! —
געה, קעהר זיך אום צום פישעלע און זאָג:
איך וויל ניט זיין קיין פויערטע קיין פראָסטע
איך וויל א הויכגעשטעלטע פריצ'טע ווערען!“
דער אלטער איז אוועק צום בלויעם ים, —

נישט רוהיג איז דער ים געווען. —
ער האָט דעם פישעלע גענומען רופען,—
דאָס פישעלע איז צוגעשוואומען און געפרעגט:
— „וואָס דאַרפסטו דו, אלטער מאַן?"
פאַרנויגט האָט זיך דער אלטער און געענטפערט.
— „דו האָב רחמנות, ליעבעס פישעלע,
מיין אלטע ווערט אלץ מעהר און מעהר צולאָזען,
און מיך, דעם אלטען, לאָזט זי נישט צו רוה:
זי וויל שוין איצט קיין פויערטע נישט זיין, —
איהר ווילט זיך גאָר א הויכגעשטעלטע פּריצ׳טע
ווערען."
געענטפערט האָט דאָס פישעלע:
— „נישט זיי פאַרזאָרגט,—און געה געזונטערהייט."



4.

איז ער צוריק אװעקגעגאנגען צו זײן אלטער
און װאס האט ער דערזעהען? א הױכען טורעם
און אויפ'ן גאניק שטעדט זײן פרוי
אין סייבעל־מאנטעל אנגעטאן,
און אויפ'ן קאפ א הויב א טײערע,
מיט פערעל־שנורען אויף דעם האלז,
מיט רונגען גילד'נע אויף די פינגער, —
און רויטע שיכלאך אויף די פיס;
פיעל חלײטינגען באדינער שטעהען ארום איהר,
זי שלאגט זיי, און זי צופט זיי פאר די האר.
האט אפגערופען זיך דער אלטער צו זײן װײב:
— „גוט מארגען דיר, מײן הארענטע, מײן פריצ'טע,
ביזט איצטער, דענק איך, שוין צופרידען?"
האט זיך אויף איהם די אלטע אנגעריזערט,
און איהם געשיקט אין שטאל די פערד באזארגען.

אריבער ״ו א וואָך, אריבער איז אַ צווייטע —
די אלטע איז געוואָרען מעהרער נאָך צולאָזען.
און ווידער שיקט זי צו דעם פישעלע איהר מאן :
— „דו געה און זאָג דעם פישעלע אזוי :
איך וויל ניט זיין קיין הויכגעשטעלטע פריצ׳טע, —
איך וויל א קייזערין א פרייע זיין !“
האָט זיך דער אלטער דאָ דערשראָקען
און האָט גענומען בעטען זיך ביי איהר :
— „וואָס ביזטו דען, מיין ווייב, אראָפּ פון זינען ?
דו קאָנסט דאָך ניט א טראָט טאָן ווי עס פּאַסט
און קאָנסט קיין וואָרט ניט ריידען, —
די גאנצע מדינה וועט דאך פון דיר לאבען !“
איז בייז געוואָרען מעהרער נאָך די אלטע,
און האָט איהר מאַן א פּאַטש געטאָן אין באַק.
— „ווי וואגכט דו, פּויער, זיך צו קריגען
מיט מיר דער אדעל־פרוי !
מען זאָגט דיר, בעסער געה צום ים מיט גוטען, —
אויב ניט וועט מען מיט געוואַלד אהין דיך שלעפּען !“
דער אלטער איז אוועק צום ים, —
נאָר שווארץ געווארען איז דער בלויער ים...
דאָס פישעלע האָט ער גענומען רופען,

דאָס פישעלע איז צוגעשוואומען און געפרעגט:
— „וואס דארפסט דו אלטער מאן?"
פארנויגענדיג זיך האָט דער אלטער אָפּגעענטפער:
— „דו האָב רחמנות, ליעבעם פישעלע!
מיין אלטע איז שוין ווידער ניט צופרידען:
זי וויל שוין מעהר קיין פריצ'טע אויך ניט זיין
איהר ווילט זיך זיין א קייזערין א פרייע".
האָט אָפּגעענטפערט איהם דאָס פישעלע:
— „דו זיי ניט אומרוהיג און געה געזונטערהייט,
ס'ועט זיין אַ קייזערין דיין אלטע."

5.

אוועקגעגאנגען איז דער אלטער צו זיין פרוי
ערשט וואָס? ער זעהט א קייזערליכען פאלאץ,
אין פאלאץ, זעהט ער, איז זיין פרוי
זי זיצט, א קייזערין, ביים טיש, --
און הארען, גרויסע לייט, באַדינען זי.
זיי גיסען אָן איהר וויינען פון די בעסטע, —
און זי פארבייסט מיט לעקאַך טייערען.
און וועכטער שטעהען גרויזאַמע אַרום
מיט העק געשאַרפטע אויף די אַקסלען.
דער אלטער האָט זיך שטאַרק פאר איהר
דערשראָקען,
זיך נידעריג צו איהרע פיס פארנויגט
און זי געפרעגט: — „וואס מאכסט דו קייזערין,
ביזט איצטער שוין, אלמעכטיגע, צופרידען?"
די אלטע האָט זיך גאָר ניט אומגעקוקט אויף איהם,—
געהייסען נאָר איהם צונעמען פון איהרע אויגען.
באַלד זיינען צוגעלאָפען הארען און באַדינער
און גלייך אַרויסגעשטופט פון דאָרט דעם אלטען.



באלד זיינען צוגעלאפען הארען און באדינער. און גלייך ארויסגעשטופט פון דארט דעם אלטען-

עס האָבען איהם די וועכטער ביי דער טיר
מיט העק שיער ניט צוהאַקט.
און אלע האָבען נאָך פון איהם געלאכט;
אזוי איז גוט אויף דיר, דו אלטער נאַר!
זאָלסט ווייטער וויסען, שוטה,
„מען דארף ניט קריכען דארט, אוואו ס'איז ניט
דיין אָרט."

אריבער איז אזוי א וואָך, א צווייטע, —
די אלטע ווערט נאָך מעהר צולאָזען.
און שיקט די הויפלייט מען זאָל אויפזוכען איהר מאַן.
זיי האָבען איהם געפונען און געבראַכט צו איהר.
רופט אָפ זיך דאָ צו איהם די אלטע:
— „דו קעהר זיך אום צום ים און זאָג דעם פישעלע,
אז כ'וויל ניט זיין קיין קייזערין קיין פרייע,
נאָר איך וויל זיין א הערשערין פון ים'ען
און וואוינען וויל איך אין דעם ים — אוקינוס,
דאָס פישעלע אליין זאָל מיך באדינען —
און פאָלגען אלץ וואָס איך וועל הייסען!"
דער אלטער ניט געוואגט האָט איהר א וואָרט צו
זאָגען,

און איז אוועק צום בלויעם ים.
ער זעהט — א שווארצער שטורעם אויפ'ן ים...
הויך אויפגעבלאָזען האָבען זיך די בייזע פאליעס,
און טראָגען זיך אזוי און ברומען, ברומען...

ער האָט דעם גאָלד'נעם פישעלע גענומען רופען, —
דאָס פישעלע איז צוגעשוואומען און געפרעגט:
— „וואס דארפסט דו, אלטער מאן?“
פארנויגענדיג זיך האָט דער אלטער איהם
געענטפערט:
— „דו האָב רחמנות ליעבעס פישעלע,
וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין פארכלוכטער ווייב?
זי וויל ניט זיין קיין קייזערין שוין מעהר
איהר ווילט זיך זיין א הערשערין פון ים'ען,
און וואוינען וויל זי אין דעם ים — אוקינוס,
און דו אליין זאָלסט איהר באדינען
און פאָלגען אלץ וואָס זי וועט הייסען.“
דאס פישעלע האָט קיינזאך ניט געענטפערט,
א קלאַפּ געטאָן בלויז מיט'ן עק אָן וואסער
און איז אין טיפען ים פארשוואונדען...
געווארט האָט לאַנג ביים ים דער אלטער אויף אן
ענטפער,
ער האָט זיך ניט דערווארט — און איז אוועק אהיים.
ער זעהט: ערשט ווידער שטעהט פאר איהם דאס
אלטע שטיבעל,
און אויפ'ן שוועל פון שטיבעל זיצט זיין ווייב
און נעבען איהר ניט ווייט — די אלטע קאָרעטע.



ערשט ווידער שטעהט פאר איהם דאס אלטע שטיבעל
און אויפ'ן שוועל פון שטיבעל זיצט זיין ווייב.

№ 13